**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/29/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול, די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי, אמעריקען עירליינס און בריטיש עירוועיס מעלדן פארענדיגונג פון JFK׳ס ערשטער ווידער-אנטוויקלונג פראיעקט ביי ׳טערמינאל 8׳**

***400 מיליאן דאלערדיגע פריוואט-פינאנצירטע ׳טערמינאל 8׳ פארברייטערונג עפנט דעם וועג פאר בריטיש עירוועיס זיך צו פלאצירן אינאיינעם מיט אמעריקען עירליינס אין אפגרעיד׳עט טערמינאל***

***פרעמיום לאונדזשעס, פארבעסערטע באגאזש סיסטעמען און פרעמיום טשעק-אין ארט צו שאפן אן 21׳סטע יארהונדערט קליענט ערפארונג***

***מער ווי 161 מיליאן דאלער אין קאנטראקטן צוגעטיילט צו MWBE פירמעס און באלד 33 מיליאן דאלער צוגעטיילט צו ארטיגע ביזנעסער***

***גרויסע קאנצעסיע אפגרעידס קומט אין די קומענדע 18 חדשים***

גאווערנער קעטי האוקול, די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי, אמעריקען עירליינס און בריטיש עירוועיס האט היינט געמאלדן די עפענונג פון א נייע פארברייטערטע ׳טערמינאל 8׳, וואס צייכנט אפ דאס פארענדיגן פון דער ערשטער פאזע פון דעם היסטארישן ׳JFK וויזיע פלאן׳ וואס טראנספארמירט דעם אינטערנאציאנאלן לופטפעלד צו א וועלט-קלאסישער גלאבאלער צענטער.

״די פארענדיגונג פון ׳טערמינאל 8׳ איז דער לעצטער גרייכפונקט אין אונזער היסטארישע באמיאונגען צו בויען א גענצליך נייע ׳דזשעי-עף-קעי׳ ווערדיג פון ניו יארק,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך גראטוליר אמעריקען עירליינס, בריטיש עירוועיס און די פארט אויטאריטעט פאר דער ערשטער, פון וואס עס וועט זיין מערערע דערגרייכונגען צו קומען. מיר וועלן פארזעצן אונזער נאענטע צוזאמארבעט בשעת מיר טראנספארמירן ׳דזשעי-עף-קעי׳ צו א גראנדיעזער גלאבאלער אריינגאנגס טויער וואס וועט העלפן צו האלטן ניו יארק ביים צענטער פון דער וועלט סטעידזש.״

די 400 מיליאן דאלערדיגע, פריוואט פינאנצירטע פארברייטערונג און מאדערניזירונג וועט ערלויבן בריטיש עירוועיס זיך אריבערצוציען פון איר לאנג-יעריגע היים אין ׳טערמינאל 7׳ און זיך פלאצירן אינאיינעם מיט אמעריקען עירליינס אין ׳טערמינאל 8׳. דאס 60-יעריגע ׳טערמינאל 7׳ וועט ווערן צעווארפן כדי צו מאכן פלאץ פאר א נייע ׳טערמינאל 6׳ וואס וועט אנהייבן קאנסטרוקציע אנהייב קומענדע יאר.

אפעראציאנעלע פארבעסערונגען פון ׳טערמינאל 8׳ רעכענען אריין פינף נייע ברייטע פליגער געיטס, פיר נייע ברייטע פליגער פארקינג ערטער און א פארברייטערטע און אפגרעיד׳עט באגאזש באהאנדלונג

סיסטעם וואס וועלן אינאיינעם שטיצן צוגעגעבענע טראנסאטלאנטישע פלי-רייזעס. דאס טערמינאל איז אויך געווארן פארברייטערט מיט באלד 130,000 סקוועיר פיס פון צוגעגעבענע און רענאווירטע פלאץ.

׳טערמינאל 8׳ס פארברייטערונג איז א קריטישע טייל פון דעם ׳JFK וויזיע פלאן׳ וואס טראנספארמירט דעם לופטפעלד אין וואס עס וועט זיין איינע פון די וועלט׳ס פיינסטע אינטערנאציאנאלע ארייגאנגס טויערן מיט אן 21׳סטע יארהונדערט קליענט ערפארונג און פארמערטע באהאפטנקייט פאר רייזנדע. דאס אריבערציען פון בריטיש עירוועיס וועט ברענגען דעם באוואוסטן קעריער נענטער צו איר מיטארבעטער עירליינס ווען ׳טערמינאל 8׳ ווערט היים צו אכט **one**world® פאראיין קעריערס. אייבעריע פלאנירט זיך אריבערצוציען צו ׳טערמינאל 8׳ אום דעצעמבער 1, און דזשעפען עירליינס ערווארט צו אריבערציען אירע אפעראציעס צו ׳טערמינאל 8׳ אין מאי 2023.

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן האט געזאגט,** ״די דאזיגע אינספירירנדע פארברייטערונג פון ׳טערמינאל 8׳, אויפציענדיג אויסגעצייכנטע שטונדליכע סערוויסעס צווישן ׳דזשעי-עף-קעי׳ און לאנדאן, איז א ביישפיל פון וואס עס קומט נאך ביי ׳דזשעי-עף-קעי׳, וואו אונזער וויזיע פאר א וועלטס-קלאסישע, 21׳סטע יארהונדערט לופטפעלד טוט זיך יעצט אויפוויקלען פון איין עק פונעם לופטפעלד צום אנדערן. א דאנק צו די אינוועסטירונגען געמאכט דורך אמעריקען עירליינס און בריטיש עירוועיס, טוט ׳טערמינאל 8׳ - מיט פינף נייע ברייטע פליגער געיטס - אנבאטן א פארבעסערטע פאסאזשיר ערפארונג און פארברייטערטע קאפאציטעט פאר טראנסאטלאנטישע רייזע צו און פון ׳דזשעי-עף-קעי׳. די דאזיגע אינוועסטירונג דורך אונזערע פריוואטע מיטארבעטער ביי ׳טערמינאל 8׳ איז א שטימע פון קאנפידענץ אין דער צוקונפט פונעם לופטפעלד און פון דער ׳דזשעי-עף-קעי׳ ראיאן.״

**פארט אויטאריטעט פארזיצער קעווין או׳טול האט געזאגט,** ״היינט צייכענען מיר אפ דאס פארברייטערן פון ׳טערמינאל 8׳, וואס איז די ערשטע פון מערערע געוואלדיגע זאכן צו קומען ביי ׳דזשעי-עף-קעי׳. פונקט ווי מיר האבן געטון ביי ׳נאווארק׳ און ׳לאגווארדיע׳, טוט די פארט אויטאריטעט און אונזערע פריוואטע מיטארבעטער ערפאלגרייך בויען די מאדערנע לופטפעלדער וואס עס קומט זיך פאר דער ראיאן.״

**אמעריקען עירליינס CEO ראבערט אייסאם האט געזאגט,** ״מיר זענען דערהייטערט אויפצונעמען אונזער לאנגיעריגע געמיינזאמע ביזנעס מיטארבעטער, בריטיש עירוועיס, בשעת עס שליסט זיך אן מיט אמעריקען און אנדערע **one**world מיטארבעטער ביי ׳טערמינאל 8׳. אלס טייל פון אונזער אינוועסטירונג צו טראנספארמירן ׳דזשעי-עף-קעי׳ צו א פירנדער גלאבאלער לופטפעלד, זענען מיר דערפריידט אנצובאטן קליענטן פארברייטערטע טערמינאל ארט, נייע טשעק-אין ערטער און עלעגאנטע לאונדזשעס.״

**בריטיש עירוועיס פארזיצער און CEO שעאן דויל האט געזאגט,** ״מיר האבן געמאלדן אונזער געמיינזאמע אינוועסטירונג אנהייב 2019 און עס איז א כבוד צו גרייכן דער באדייטנדער דערגרייכונג מיט אונזער ביזנעס מיטארבעטער, אמעריקען עירליינס. פון דעצעמבער 1, וועלן אונזערע קליענטן און קאלעגעס קענען געניסן פון אלע בענעפיטן וואס ׳טערמינאל 8׳ האט אנצובאטן.״

פרעמיום קליענטן וועלכע רייזן אויף ביידע עירליינס וועלן יעצט קענען געניסן פון א דערהויבענע רייזע ערפארונג ביי ׳טערמינאל 8׳. ביים אנקומען, וועלן פרעמיום קליענטן אויפגענומען ווערן ביים שפאגל נייע געמיינזאם-ברענדעד פרעמיום טשעק-אין ארט, וואס וועט צושטעלן פערזענליכע, ׳קאנסירזש׳-סטיל סערוויס. דורכגעטראכטע אויסגעשטעלטע ארכיטעקטורעלע עלעמענטן טוהן אויך אנדייטן אויף אן עקסקלוסיווע טשעק-אין ארט פאר צוגעפאסטע קליענטן.

איינמאל מען איז אריבער סעקיוריטי, זענען פארהאן דריי אייגנארטיגע לאונדזשעס; טשעלסי, סאוהאו און גרעניטש, פאראייניגן דאס בעסטע פוןביידע פירמעס און שטעלן צו א רעפינירטע, אויפנעמענדע בעפאר פלי-רייזע ערפארונג פאר צוגעפאסטע קליענטן באזירט אויף די קאבינע אין וועלכע מען רייזט און ׳לויעלטי פראגראם׳ סטאטוס. די צוויי שפאגל נייע לאונדזשעס — סאוהאו און טשעלסי — זענען געווארן אויסגעשטעלט מיט ארגינעלע הויכע קוואליטעט אויסרישונגען, שאפנדיג אן אייגנארטיגן געפיל פון ארט בשעת׳ן דערהייבן דעם ערפארונג און סערוויס אנגעבאטן פאר יעדן גאסט.

׳טערמינאל 8׳ וועט אויך אריבערגיין א גרויסע קאנצעסיע אפגרעיד לענגאויס דעם טערמינאל איבער די קומענדע 18 חדשים, ארייננגערעכנט ארטיגע-אינספירירטע עסנווארג און געטראנקען אויסוואלן.

דאס אינאיינעם פלאצירונג פון אמעריקען עירליינס און בריטיש עירוועיס ביי ׳טערמינאל 8׳ שטיצט דעם פארט אויטאריטעט׳ס מיסיע צו שאפן בריייטערע באהאפטנקייט פאר פאסאזשירן ביי א טראנספארמירטע און מער פאראייניגטע ׳דזשעי-עף-קעי׳.
דער ׳טערמינאל 8׳ פראיעקט נעמט אריין דאס ארבעט פון מער ווי 115 אייגנארטיגע מינאריטעט-און פרויען-באזיצטע ביזנעסער וועלכע זענען צוגעטיילט געווארן קאנטראקטן אין א טאטאל פון מער ווי 161 מיליאן דאלער, איבערשטייגנדיג די פארט אויטאריטעט׳ס פארפליכטונג צו כאטש 30 פראצענט MWBE אנטיילנעמונג ביי דעם אגענטור׳ס קאפיטאל פראיעקטן. ארטיגע ביזנעסער זענען צוגעטיילט געווארן באלד 33 מיליאן דאלער אין קאנטראקטן ביי ׳טערמינאל 8׳.

**קאנגרעסמאן גרעגארי וו. מיקס האט געזאגט,** ״די ׳דזשעי-עף-קעי עירפארט׳ ׳טערמינאל 8׳ פארברייטערונג שטרייכט אונטער דאס באדייט פון אינטערנאציאנאלע רייזע און אינפראסטרוקטור אנטוויקלונג אינערהאלב ניו יארק. ׳דזשעי-עף-קעי עירפארט׳ איז אונזער לאנד׳ס טויער צו דער וועלט. דעם דאזיגן פראיעקט מוטיגט גלאבאלע רייזע אינאיינעם מיט׳ן שטיצן ניו יארק׳ס טוישנדע עקאנאמיע דורכ׳ן צושטעלן מענטשן מיט עכטע קאריערע געלעגנהייטן, בשעת׳ן אויך אינוועסטירן אין שטאנדהאפטיגע אוויאציע פראקטיצירונגען. די אנגייענדע אינוועסטירונג אין ׳דזשעי-עף-קעי׳ ווידער-אנטוויקלונג מאכט עס זיכער א פרעמיערע גלאבאלער אריינגאנגס טויער.״

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס האט געזאגט,** ״די ערפאלגרייכע ווידער-אויסשטעלונג און איבערקלערונג פון ׳טערמינאל 8׳ איז בלויז איינע פון די וועגן וואו מיר האבן געמאכט עכטע פארשריט אין ריכטונג פון מאכן ׳דזשעי-עף-קעי׳ דעם איינצעלנעם גרעסטן עירפארט אין דער וועלט. אינאיינעם מיט נייע געיטס, נייע אויסריכטונגען און נייע לאונדזשעס, האט דאס אפגרעיד׳ען פון ׳טערמינאל 8׳ געברענגט נייע ארבעט און קאנטראקטירונג געלעגנהייטן פאר קווינס איינוואוינער און ביזנעסער. איך באט אן מיינע טיפסטע דאנקען פאר גאווערנער האוקול און די פארט אויטאריטעט, צו אמעריקען עירליינס און בריטיש עירוועיס, צו די ארבעטער וועלכע האבן פארענדיגט די דאזיגע אפגרעידס און צו מיין ׳דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג קאונסיל׳ מיט-פארזיצער גרעג מיעקס און אלע אנדערע וועלכע האבן געמאכט דעם דאזיגן פראיעקט געשען.״

**׳געבוי און קאנסטרוקציע האנדלס קאונסיל פון גרעיטער ניו יארק׳ פרעזידענט גערי לאבארבערא האט געזאגט,** ״די היינטיגע אנהייב ארבעט אויף א נייעם ׳טערמינאל 8׳ ביי ׳JFK אינטערנעשענעל עירפארט׳ פארטרעט די פארענדיגונג פון א טייל פון דעם דאזיגן קריטישן, גרויס-פארנעמיגן ווידער-אנטוויקלונג פלאן וואס זעצט פאר צו שפילן א וויכטיגע ראלע אין ווידער-אויפלעבן ניו יארק׳ס עקאנאמישע ערהוילונג און שאפן גוט-באצאלטע, מיטל-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן. פארענדיגן די דאזיגע פראיעקטן וועט עפענען א טויער צו א נייע עפאכע אין ניו יארק און מיר פייערן דאס זיין א טריט נאענטער אין פולקאם מאדערניזירן ׳JFK אינטערנעשענעל עירפארט׳ צו א ביישפילנדע, וועלטס-קלאסישע טראנספארטאציע צענטער וואס עס קומט זיך באמת פאר ניו יארקער, און אונזערע באזוכער.״

**טראנספארמירן JFK אויף א וועלט-קלאסישער גלאבאלער ארייגאנגס טויער**

אין יאנואר 2017, איז דער ׳JFK וויזיע פלאן׳ אויסגעמאלדן געווארן אויף צו פארוואנדלען ׳דזשאן עף. קענעדי אינטערנעשענעל עירפארט׳ אויף אן ערשטראנקיגן עירפארט ווי עס פאסט פאר ניו יארקערס. דער וויזיע פלאן גיט א סטראטעגישע ראם פאר די פארט אויטאריטעט און אירע צוזאמארבעטער גענצליך איבערצובויען, ענדערן און פארברייטערן עקזיסטירנדע איינריכטונגען און אייגריכטונגען און אינפראסטרוקטור. דער נייע פארברייטערטער ׳טערמינאל 8׳ בויט אויף מאמענטום פון די אנדערע דריי הויפט שטאנדטיילן פונעם עירפארט׳ס טראנספארמאציע שוין איצט אונטערוועגנס.

- די 9.5 ביליאן דאלערדיגע אנטוויקלונג פון א סטעיט-אָוו-דע-אַרט נייעם ׳טערמינאל איינס׳ טערמינאל, וואס וועט דינען אלס געוויכט-פונקט אויפ׳ן עירפארט׳ס דרום זייט, האט זיך געלאזט אין גאנג אין סעפטעמבער 2022.
- דער 1.5 ביליאן דאלערדיגע פארברייטערונג פון ׳טערמינאל 4׳, אנגעפירט דורך ׳דעלטא עירליינס׳ און ׳JFK אינטערנאציאנאלע לופט טערמינאל׳, איז באשטעטיגט געווארן אין פרילינג 2021, מיט די ארבעט אנגעהויבן אין הערבסט 2021 און האלט שוין איצט אינמיטן קאנסטרוקציע מיט פארענדיגונג ערווארטעט אין פרילינג פון קומענדיגן יאר.

דער 4.2 ביליאן דאלערדיגן דעוועלאפמענט פון א נייע ׳טערמינאל 6׳, וואס וועט גלאטערהייט זיין באהאפטן צו ׳טערמינאל 5׳ אויף צו דינען אלס דעם עירפארט׳ס געוויכט-פונקט אויפ׳ן צפון זייט, האט געזען איר פינאנצירונג געשלאסן פריער דעם חודש, און וועט אנהייבן קאנסטרוקציע אין די קומענדיגע 90 טעג.

די אלע פריוואט פינאנצירטע טערמינאלז פראיעקטן אינאיינעם מיט דער פארט אויטאריטעט׳ס שאסייען, פארקינג און אינפראסטרוקטור פראיעקטן פארטרעטן אן 18 ביליאן דאלערדיגער טראנספארמאציע פון ׳JFK אינטערנעשענעל׳ און אן אויסערגעווענליכער ריי פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפטן. די פארט אויטאריטעט קאפיטאל אינוועסטירונג פון 2.9 ביליאן דאלער ניצט אויס פריוואטע אינוועסטירונג אויף א ראטע פון איבער פינף-צו-איינס ווען מען רעכנט אריין די פולע פריוואטע אינוועסטירונג פון איבער 15 ביליאן דאלער וואס איז פארשפראכן געווארן צו די פיר פראיעקטן אין וועלכע עס באשטייט דער פולער JFK איבערבוי פראגראם.

**איבערבויען JFK עירפארט שטימט מיט די אינטערעסן פון דער ארטיגער קאמיוניטי**

אין 2018, איז דער JFK איבערגעבוי קאמיוניטי באראטונגס קאונסיל געשאפן געווארן. אירע מיט-פארזיצער זענען יו-עס קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס און קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערד, און עס באשטייט פון 42 ערוועלטע באאמטע, קאמיוניטי באורדס, ביזנעס און נאנפראפיט ארגאניזאציעס, בירגערליכע ארגאניזאציעס, און קלעריקער פון די געצילטע ארטיגע קאמיוניטיס פון סאוט-איסט קווינס, סאוט-וועסט קווינס, די ראקעוועיס, און מערב טיילן פון נעסאוי קאונטי. זינט איר אויפקום, ארבעט דער קאונסיל מיט דער פארט אויטאריטעט אויף צו פארברייטערן קאמיוניטי אוטריטש ארבעט און אויסצוארבעטן קאמיוניטי-פאקוסירטע פראגראמען, פארזיכערנדיג אז דער אמביציעזער פראיעקט ברענגט ארויס כסדר׳דיג די מיינונגען פון ארטיגע אינטערעסן און גיבט באדייטנדע געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער, MWBE פירמעס, סטודענטן, און דזשאב זוכער.

דאס רעכנט אריין פראגראמען צו פאראויס-פירן דער פארט אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו א 30-פראצענטיגע MWBE קאנטראקטירונג ציל אין אלע ארבעט קאטעגאריעס, און א ספעציעלער פאקוס אויף געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער לענגאויס אלע הינזיכטן פון דעם JFK ווידער-אנטוויקלונג פראגראם, אריינגערעכנט דעם ׳טערמינאל 8׳ פראיעקט, וואס איז געבויט געווארן דורך יוניאן לעיבאר אונטער א פולן פראיעקט-לעיבאר אפמאך. אנדערע קאמיוניטי אנטוויקלונג איניציאטיוון פריאריזירט

דורך דעם קאונסיל קאנצענטרירן זיך אויף דזשאב געלעגנהייטן און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען פאר ארטיגע איינוואוינער, קלענערע ביזנעס ארויס-גרייך באמיאונגען און דעוועלאפמענט, און עדיוקעשען פראגראמען פאר ארטיגע סטודענטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418